# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת קרח, ב' תמוז, אבות פרק ד', שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 36 (503)

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....................8:10
מוצאי שב"ק.......................9:40

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................עמוס ח'-ט'
בבלי.........................יומא ס"ב
ירושלמי......................סוטה ט"ו
תוספתא......................ברכות א'
רמב"ם.......................נזירות א'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקַּח קֹרַח, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד.

רַשִׁ"י זָאגְט, וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה, מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה, קֹרַח אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קְלוּג, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעטוּן אַזַא שְׁטוּת? קֶען מֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע דֶער תֵּירוּץ, טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, אִיז עֶר אַזוֹי דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַפָּלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אוּן שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת. וַוייל סְ'זֶענֶען דָא מְחַקְּרִים וָואס זָאגְן אַז דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיסְהָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ קְלָארְקֵייט, פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט אוּן וָואס עֶס אִיז, דָאס אִיז בַּיי זֵיי דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג. דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם אִיז אָבֶּער אַז צוּ דֶעם קֶענֶען נָאר צוּקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע צָאל מֶענְטְשְׁן, דִי וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן, וָואס זָאלְן אָבֶּער טוּן דִי פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן? פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עִיקָּר תַּכְלִית פַארְוָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, מְ'דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס יֶעדֶע זַאךְ אִיז וִוי אַזוֹי עֶס אִיז, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טוּן דִי מִצְוֹת, נָאר פָּשׁוּט טוּן לְמַעֲשֶׂה אַלֶע מִצְוֹת, אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת י"ב, י"ג) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער תַּכְלִית פוּן אַ אִיד אִיז נָאר מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן צוּ הִיטְן זַיינֶע מִצְוֹת, וַוייל כִּי זֶה 'כָּל' הָאָדָם, וַוייל דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשְׁן בַּאוַוייזְן, דָאס אִיז נִישְׁט נָאר פַאר גָאר קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיט חָכְמוֹת קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, דָאס נֶעמְט נָאר אַוֶועק אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָּר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, צוּ טוּן אַלֶע מִצְוֹת אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, אוּן וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן עֶס עֶרְקְלֶערְט, אוּן סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִילוּק פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען. אֲפִילוּ דִי סְפָרִים פוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן טַעֲמִים אוֹיף מִצְוֹת, וִוי לְמָשָׁל דֶער סֵפֶר הַחִינּוּךְ, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע דִי אוֹיסְשְׁלִיסְלִיכֶע טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת, נָאר צוּ מְקַרֵב זַיין אַבִּיסְל דִי מִצְוָה צוּ אוּנְזֶער שֵׂכֶל בְּדֶרֶךְ דְרוּשׁ, אָבֶּער דִי מִצְוָה אַלֵיין דַארְף זַיין בַּיי אוּנְז אַ חֹק בְּלִי טַעַם, בְּלוֹיז צוּ טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל פָארְן עֶרְגֶעץ, וֶועט עֶר זִיךְ אַרַיינְזֶעצְן אִין אַן אוֹיטָא, אָדֶער אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אַן עֶרָאפְּלַאן, אוּן פָארְן צוּ זַיין דֶעסְטִינַאצְיֶע. וֶועט קוּמֶען אַ חָכָם אוּן זָאגְן אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְזֶעצְן אִין אַ קַאר אָדֶער אַן עֶרָאפְּלַאן אֵיידֶער עֶר וַוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, וֶועט עֶר דָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ וואוּ עֶר דַארְף אָנְצוּקוּמֶען. אָבֶּער אַז מְ'טוּט וָואס מְ'הָאט צוּ טוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט חָכְמוֹת אִין דִי מִצְוֹת אַלֵיין, אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אִיבֶּער צִי עֶר הָאט טַאקֶע יוֹצֵא גֶעוֶוען, אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי מִצְוָה מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים, וֶועט דָאס אִים אוֹיךְ נָאר דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אִים

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט

וֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, קוּמְט מֶער אוֹיס צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, צַייט אִיז דִי טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טַייעֶרֶע צַייט אוּן זֶען אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז שׁוֹין אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מִינוּט, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט וִוי מֶען דַארְף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" "בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף". וֶוען מֶען פָארְט אָבֶּער אוֹיפְן וֶועג אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַן עֵצָה וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עד): "וְאִם לִפְעָמִים דַעְתּוֹ מְבֻלְבָּל וְאֵינוֹ יָכוֹל בְּשׁוּם אוֹפֶן לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַ צַייט וָואס מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען אִיז זֵייעֶר צֶעטוּמְלְט, "אָז עֲצָתוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא שָׂמֵחַ", דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, "וְאַף עַל פִּי שֶׁבַּתְּחִלָּה עֲדַיִין אֵין הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת בְּלִבּוֹ", אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ וֶועט עֶס נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט זַיין נָאר אַ גֶעמַאכְטֶע שִׂמְחָה, אִין הַארְץ וֶועט מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, - "אַף עַל פִּי כֵן, עַל יְדֵי שֶׁעוֹשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא שָׂמֵחַ, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה אַחַר כַּךְ בֶּאֱמֶת לְשִׂמְחָה", דָאךְ וֶועט עֶס הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט טַאקֶע וֶוערְן עֶכְט פְרֵיילִיךְ, "וְעֵצָה זֹאת הִיא עֵצָה גְדוֹלָה מְאֹד, גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה", דִי עֵצָה אִיז אַן עֵצָה פַאר אַלֶע זַאכְן אִין קְדוּשָּׁה; "שֶׁבַּתְּחִלָּה צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא לָהוּט אַחַר אוֹתוֹ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, וְאַחַר כַּךְ זוֹכִין בֶּאֱמֶת לָזֶה", אִין אָנְהֵייבּ זָאל מֶען זִיךְ מַאכְן וִוי מֶען ווִיל עֶס, וִוי מֶען הָאט דָאס, נָאכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי זַאךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"א)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט
## אִיךְ זָאל גֵיין קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אוּן דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט - אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל בַּיים רֶבִּי"ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶער יְסוֹד, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן נָאר אַז מֶען הָאט זִיךְ פַּארְטְרָאגְן אִין שְׁטוּבּ, דוּ דַארְפְּסְט טְרַאכְטְן וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ רֶעדְן שֵׁיינֶע רֵייד צוּ אִיר; אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי אַז זִי פַּאר זִיךְ הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם מִיט אוּמַאן, פַּארְקֶערְט, זִי אִיז אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, זִי זֶעט ווִי דוּ לֶעבְּסְט בַּיים רֶבִּי"ן, וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט פוּן רֶבִּי"ן, זִי הָאט נָאר מוֹרָא מֶען זָאל אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, זִי ווִיל נִישְׁט זַיין אַ חוֹזֶק בַּיי אִיר מִשְׁפָּחָה. אַזוֹי אִיז בַּיי רוֹב פְרוֹיעֶן וָואס לָאזְן נִישְׁט דִי מֶענֶער פָארְן קַיין אוּמַאן, דָאס אִיז נָאר וַוייל זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין אַ חוֹזֶק בַּיי זֵייעֶרֶע חַבְרְ'טֶעס אוּן מִשְׁפָּחָה.

רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ; זָאג אִיר ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, דָאס אִיז לֶעבְּן פַּאר דִיר; זָאג אִיר דוּ וֶועסְט אִיר אַהֵיים בְּרֶענְגֶען נָאר פֶּעק אוּן זֶעק יְשׁוּעוֹת.

שַׁאף אִיר אַ פְּלַאץ וואוּ זִי זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע נֵס, זִי וֶועט דִיר שִׁיקְן קַיין אוּמַאן מִיט שִׂמְחָה.

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין ווִילְן, דַיין בֶּענְקְשַׁאפְט; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי"ן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"א)

---

>>>>>>
אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם אַפֶּעטִיט צוּ טוּן אַ מִצְוָה. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מְ'לֵייגְט אַלֶע חָכְמוֹת אִין אַ זַייט, אוּן מְ'טוּט וָואס אוּן ווִי אַזוֹי מְ'קֶען דָאס בֶּעסְטֶע, אוּן מְ'פְרֵייט זִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מְ'אִיז זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין.

קֹרַח אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן אַ חוֹקֵר, "קֹרַח" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת ווִי "חֵקֶר", קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ פִּקֵחַ, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט גַאנְצֶע חָכְמוֹת אוּן טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה, אוֹיבּ אֵיין פָאדֶעם פוּן תְּכֵלֶת פַּטְרְ'ט דֶעם גַאנְצְן קְלֵייד, אִיז דָאךְ אַ קְלֵייד וָואס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פוּן תְּכֵלֶת זִיכֶער פָּטוּר פוּן צִיצִית, אוֹיבּ אֵיין מְזוּזָה פַּטְרְ'ט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אִיז דָאךְ אַ שְׁטוּבּ פוּל מִיט סְפָרִים זִיכֶער פָּטוּר פוּן מְזוּזָה. פַּארְוָואס הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר פַּארְשְׁטֵייט ווִי אַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה אַרְבֶּעט, ווִי אַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אַרְבֶּעט? דָאס אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זַיינֶע חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת, אוּן דָאס הָאט אִים טַאקֶע גֶעפִירְט אִין דֶער עֶרְד אַרַיין.

דֶערְפַאר קוּמְט גְלַייךְ נָאךְ פַּרְשַׁת קֹרַח, דִי פַּרְשָׁה פוּן חֻקַּת, זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה זֶענֶען אַ חֹק, מִיר פַּארְשְׁטֵייעֶן עֶס נִישְׁט אוּן מִיר דַארְפְן עֶס נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין, נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל קֹרַח תשס"א)

---

>>>>>>
וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַאר מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער עִיקָר אִיז דִי מוֹיל, ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן וואוּ מֶען גֵייט, כַּאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן דָאס גְלַייכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ גֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "ווִי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?" דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַארְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ מֶער ווִי אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פוּנְקְט ווִי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעווְאוּנְדֶערְט: "ווִי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין פִינְף מִינוּט?" הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר רֶעדְט פוּן דִי פִינְף מִינוּטְקֶעלֶעךְ וָואס וֶוערְט פַארְוַואסֶערְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אָבֶּער יָא גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי קְלֵיינֶע מִינוּטְקֶעלֶעךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן וֶוער עֶר זֶען ווִי עֶס גֵייט אִים לֵיידִיג הִיבֵּשׁ מֶער פוּן פִינְף מִינוּט, אוּן וֶוען מֶען זָאל צוּזַאם שְׁטֶעלְן דִי אַלֶע פִינְף מִינוּטְן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג בְּמֶשֶׁךְ אַ טָאג, וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען צוּ אַסַאךְ שָׁעָה'ן. אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, קֶען מֶען זִיךְ גָאר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דִי קְלֵיינֶע צַייטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי צַייט, סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אוּנְטֶערְוֶועגְס, וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ)

---

## קוּק נִישְׁט

דֶער אוֹיג אִיז פוּן דִי הַאקְלְסְטֶע גְלִידֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס פַּארְלַאנְגְט זִיךְ בְּלוֹיז אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל שְׁטוֹיבּ אָדֶער שְׁמוּץ וָואס זָאל זִיךְ דָארְט אַרַיינְכַאפְּן, אוּן שׁוֹין וֶועט עֶס אָנְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. דָאס אִיז מִיט דִי גַשְׁמִיוּת פוּנֶעם אוֹיג, אָבֶּער דָאס וַוייזְט אוּנְז אוֹיךְ אַז דִי זֶעלְבֶּע - אוּן נָאךְ פִיל מֶער - אִיז דֶער אוֹיג זֵייעֶר הַאקְל בְּרוּחֲנִיוּת; בְּלוֹיז אֵיין קְלֵיינֶע רְאִיָה אֲסוּרָה, בְּלוֹיז אֵיין קוּק אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע זַאכְן, קֶען שׁוֹין בְּרֶענְגֶען גָאר גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶוערֶע וֵוייטָאגְן פַאר דִי נְשָׁמָה.

חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא נָשֹׂא ג') "בְּשָׁעָה שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הָעוֹלָם, נִתְאַוָּה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאט עֶר דַוְקָא גֶעוָואלְט וואוֹינֶען דָא אוֹיף דִי נִידְרִיגֶע וֶועלְט. דָאס מֵיינְט אַז דִי עִיקָר הֲנָאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע לֶעבְּן אִין אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט, וואוּ אוֹיבְּן אוֹיף קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶען דָא אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דַוְקָא אוֹיף אַזַא פְּלַאץ זָאלְן דִי מֶענְטְשְׁן זֶען אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל", דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ דִי נְשָׁמָה אַרַיין אִין אַ קֶערְפֶּער וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אוּנְזֶער וֶועלְטְל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר גְלוּסְט צוּ זֶען ווִי דִי נְשָׁמָה וֶועט נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיסֶער אִים.

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִים אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן דֶעם צִיל פַארְוָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר צוּ זֶען אוּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ אוֹיף דֶער וֶועלְט, סַיי אוֹיפְ'ן גַאס זֶעט מֶען לֵיידֶער אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אוֹיסְגֶעטוּן, מַמָּשׁ ווִי דִי חַיוֹת. וואוּ מֶען דְרֵייט זִיךְ טְרֶעפְט מֶען זִיךְ אָן מִיט גָאר פְּרִיצוּת'דִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְרוֹיעֶן. אוּן סַיי מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דוּרְךְ דִי נֵייעֶ טֶעכְנֶעלָאגִישֶׁע כֵּלִים, אַז מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן גַאס, נָאר סַיי וואוּ אִימֶער קֶען מֶען לַיידֶער זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט שְׁמוּץ, דִי נִידְרִיגְסְטֶע סָארְט בִּילְדֶער אוּן ווִידִיאָס, אוּן דֶער עִיקָר צִיל וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל מִיט דֶעם, אִיז נָאר אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

## לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**תיב**

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, פַּרְשַׁת נִצָּבִים, הָאבְּן רֶבִּי נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעהֶערְט דִי זְמִירוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע יִרְאָה, קְדוּשָׁה, אוּן דְבֵיקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי זֶענֶען נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָּשׁ בִּיז כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט שַׁיין גֶעזִינְגֶען אוּן אוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי נִיגוּנִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסְקֵייט אוּן דְבֵיקוּת, בִּיז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי יֶעדְן שְׁטִיקְל אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזִינְגֶען "אֵשֶׁת חַיִל", עֶס אִיז בַּאַקַאנְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶער נִיגוּן אוֹיף וָואס דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזִינְגֶען, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער "כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי" - אִירֶע הֶענְט שְׁפְּרֵייט זִי אוֹיס פַארְ'ן אָרֶעמַאן, הָאט דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער אַסַאךְ מָאל, בִּיז עֶר הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט "וְיָדֶיהָ שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן" - אוּן אִירֶע הֶענְט הָאט זִי אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּם אָרֶעמַאן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען פַאר שִׂמְחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלֵיין בַּיי זִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אַלְס דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן בְּרוּחְנִיוּת, אוּן דָא חַזֶר'ט דֶער רֶבִּי אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז עֶר וֶועט אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן זַיין הַאנְט צוּ אִים אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְנָאךְ, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּסוּק "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", אִיז רֶבִּי נָתָן מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מְתִיקוּת, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט פוּן דֶעם זִיסְן גֶעשְׁמַאקְן נִיגוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אִים מְרַמֵּז אַז עֶר דַארְף זִיךְ אָנְטוּן מִיט "עֹז וְהָדָר", אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר צוּקוּמֶען צוּ "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן", וֶוען עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער טָאג, וֶועט עֶר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַאכְט קִידוּשׁ, וָואס יֶעדֶעס וָוארְט הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, בִּיז מְ'הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט.

נָאכְ'ן זִיךְ וַואשְׁן אוּן עֶסְן דִי הַמּוֹצִיא, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזִינְגֶען "אַתְקִינוּ סְעֻדָתָא", וִוי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער "נְזַמִּין לָהּ הַשְׁתָּא בִּפְתוֹרָא חַדְתָּא", דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים הַיינְט גֶעזָאגְט "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן גָאר אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג".

דִי וֶוערְטֶער "לְהִתְקַפָּא חַלָּשִׁין", הָאט דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְן אַז דִי וֶוערְטֶער "לְהִתְקַפָּא חַלָּשִׁין" בַּאגְלֵייטְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי כַאפְּט אָן אַלֶע שְׁוַואכֶע אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵק, אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם, עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

>>>>>>
בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג **ב**'בלי **י**'רושלמי און **ת**'וספתא, וואס איז די ראשי תיבות "**בית**", און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דעריבער דארף מען האבן שכל און זעהן אריינצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

אויך אויף די וועלט דערציילן פילע אנשי שלומינו אז זיי האבן זיך פארגענומען צו לערנען יעדן טאג בבלי ירושלמי און תוספתא, און דורך דעם האבן זיי זוכה געווען גרינגערהייט צו באקומען שיינע הערליכע גרויסע הייזער מיט הרחבת הדעת.

דער נייער מחזור אין תוספתא האט געברענגט א פרישע חשק פאר פילע אנשי שלומינו זיך אנצושליסן אין די לימודים. יעדע וואך קומט ארויס דער קונטרס "בי"ת נצחי", אין וואס עס איז אריינגעדרוקט די דריי לימודים פאר די גאנצע וואך, און אזוי קען מען עס גרינגערהייט מיטנעמען וואו מען גייט נאר, און אזוי וועט מען נישט פארפאסן א טאג אן די לימודים.

**גדול יהיה כבוד הבי"ת הזה!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן, וֶוען מַיין זוּן רֶעדְט בְּרַבִּים קֶעגְן אִידְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע מַאמֶע, מַיין זוּן הָאט לֵיידֶער אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט, אוּן אִיךְ וֶוער קְרַאנְק פוּן דֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעפִינֶען קַיין טְרֵייסְט, דִי הַארְץ וֵויינְט מִיר וֶוען מַיין זוּן דְרֵייט זִיךְ לֵיידֶער אַרוּם אוּן עֶר בַּאשְׁמוּצְט אוּנְזֶער טֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע פָאלְק, עֶר גֵייט צוּ דִי גוֹי'אִישֶׁע מִידְיָא אוּן פַארְשֶׁעמְט אוּנְז מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע נִידְרִיגֶע לִיגְנְטְס קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע פָאלְק.

אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֵייסְטְן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד, אִיךְ הָאט גֶעהָאדֶעוֶועט דָאס קִינְד, פַארְוָואס? פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער דִי פִילֶע צַעַר פוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דָאס קִינְד, פוּן הָאדֶעוֶוען אוּן פִיטֶערְן? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל עֶס אַרִיבֶּערְטְרָאגְן, אִיךְ פִיל וִוי מַיין הַארְץ גֵייט פְּלַאצְן פוּן צַעַר אוּן אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְלָאזְן מַיינֶע אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער יְתוֹמִים'לֶעךְ.

אִיךְ וֵויין! טֵייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶס הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת וִוי יֶעצְט, מַיין אֵיינְצִיגֶע טְרֵייסְט זֶענֶען אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער אוּן אַייעֶרֶע בְּרִיווּ. אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט קַיין נֶעכְט, מַיין זוּן עֶסְט נְבֵילוֹת אוּן טְרֵיפוֹת, עֶר גֵייט צוּ גוֹיִם פַארְשֶׁעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ הֶעלְפְט מִיר אַדוּרְכְטְרָאגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיווּ.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע אִידְן תְּשׁוּבָה טוּן, מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע פַארְפַאלֶענֶע אוּן פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע אִידְן; אַלֶע וָואס וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה כז, יג): "וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל, וּבָאוּ הָאֹבְדִים בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר וְהַנִּדָּחִים בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְהִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַר הַקֹּדֶשׁ בִּירוּשָׁלָם", אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע אוּן פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע וֶועלְן קוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם זִיךְ בּוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ אִיד קֶען נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן, אַ אִיד בְּלַייבְּט אַ אִיד, בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל ב יד, יד): "וְחָשַׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח", אַ אִיד וֶוערְט נִישְׁט פַארְשְׁטוֹיסְן, בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טְרַאכְטְס נִישְׁט אַז אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט; חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַז אֵייעֶר אַרְבֶּעט פוּן הָאבְּן דִי קִינְד אִיז גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען הִיטְן אִידִישְׁקֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ פִירְן וִוי גוֹיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאל מֶען וַוייטֶער חַתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן קִינְדֶער, וַוייל בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ וָואס לָאזְן אָפּ דִי אִידִישֶׁע וֶועג הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ - זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דַארְף מֶען הָאבְּן קִינְדֶער אִין אַלֶע צַייטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶרֶע אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע כּוֹחוֹת, אִיר דַארְפְט וַוייטֶער אוֹיפְצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי דַארְפְן אַייךְ פַאר אַ מַאמֶע. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַייךְ טוּנְקְל אוּן פִינְסְטֶער, דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט בַּיי אַייךְ, אֵייעֶר צַעַר אִיז אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צַעַר וִוי עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דִי אִידִישֶׁע וֶועג, עֶס אִיז נִישְׁט מַשִׂיג צוּ זַיין דִי צַעַר, דָאךְ דַארְפְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ טוּן וַוייטֶער דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם.

אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי

>>>>>>

BreslevCenter.com\answers

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# גרויס שמחה צום שידוך שליסן ביים ראש ישיבה שליט״א

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו צו די שמחה פונעם שידוך שליסן פון החתן נתנאל ני״ו, זון פון המפיץ הגדול הר״ר יואל פארקאש שליט״א, גבאי ביהמ״ד היכל הקודש קרית יואל, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג די חשובע כלה תחי׳, טאכטער פונעם ראש ישיבה שליט״א.

דער שידוך איז געשלאסן געווארן אין א מזל׳דיגע שעה פארגאנגענעם ליל שישי אין שטוב פונעם זיידן הגה״צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט״א מוויטצען אין וויליאמסבורג, מיט די באטייליגונג פון די זיידעס כ״ק גאב״ד קארלסבורג שליט״א וואס איז געקומען צו פארן פון בארא פארק, און הרה״ח ר׳ אברהם חיים פארקאש שליט״א דער זיידע פונעם חתן וואס איז געקומען צו פארן פון קרית יואל.

דער ראש ישיבה שליט״א האט מכבד געווען זיין שווער, הגה״צ רבי מרדכי אהרן שליט״א מיט קריאת התנאים. די חשובע זיידעס שליט״א האבן געזאגט שיינע דברי ברכה און אנגעווינטשן פאר חתן כלה.

סיי דער חתן און סיי די כלה זענען תלמידים פון די הייליגע מוסדות היכל הקודש ברסלב און זענען גוט אויסגעלערנט וואס דאס לעבן איז, זיי דארפן גארנישט אויסער אויפשטעלן א אידישע שטוב על דרך ישראל סבא, זיי דארפן נישט קיין שיינע תנאים און קיין בלומען, עס אינטערעסירט זיי נישט קיין מתנות און קיין פוירניטשור, זיי טראכטן נישט פון קיין זאל און קיין זינגער, עס מאכט זיי נישט פרייליך די שטריימל און די קליידער; זיי זענען איבער-גליקליך אז דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן אז זיי האבן געטראפן זייער שידוך אין א מזל׳דיגע שעה, און זיי גייען אנהייבן זייער לעבן אויף די וועג פון אונזערע עלטערן און רבי׳ס זכותם יגן עלינו.

אלע אנשי שלומינו פרייען זיך מיט די שמחה, און וואונטשן פאר׳ן ראש ישיבה פילע הויפענעס אידיש נחת, עס זאל זיך ווייטער ציען הייליגע אידישע דורות וואס וועלן באלייכטן די וועלט.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול חתן וקול כלה!**

***

# מען קויפט שוין טיקעטס קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ״ב

אזוי ווי מען האלט שוין בערך דריי חדשים איידער די לאנג אויסגעווארטעטע נסיעה קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ״ב הבעל״ט, ווען מען וועט זיך אויסבעטן פאר זיך און די משפחה א גוט געבענטשט יאר, הויבט מען שוין יעצט אן צו קויפן עירליין טיקעטס, צו פארן היי יאר פון ניו יארק קיין קיעוו אויף ראש השנה תשפ״ב הבא עלינו לטובה.

צוליב דעם מצב העולם, און אויך וויבאלד ראש השנה געפאלט מאנטאג נאכט, און עס זענען דא ווייניג פלייטס וואס פארן ארויס געווג שפעט נאכ׳ן זמן מוצש״ק, איז דא א מאנגל אין טיקעטס אויף די פאר פליגערס וואס פארן ארויס שפעט מוצש״ק ביז זונטאג אינדערפרי, דאס איז אויסער וואס דער ציבור וואס פארט דאס יאר איז אסאך מער ווי אין די פארגאנגענע יארן, און דאס מאכט אז די פרייזן פון די ווייניג עירליין טיקעטס פון מוצש״ק וואס זענען עוועילעבל זאל ארויפגיין.

א גוטע אפציע איז צו קויפן טיקעטס אויף די פליגערס פון מיטוואך און דאנערשטאג, בעפאר שבת קודש, וואס פון די פלייטס איז נאך דערווייל דא א גרויסע אויסוואל.

דער טרעוול אגענטור "פלען איט רייט" האט אראנדזשירט א "טשארטער פליגער" וואס וועט בעז״ה פארן מוצש״ק 1:30 פארטאגס פון ניו יארק (זמן מוצש״ק אין ניו יארק איז בערך 8:35), מען פארט בעז״ה צוריק פון קיעוו מוצאי יום טוב פארטאגס.

אויב וועט זיין א פארלאנג פון גענוג מענטשן צו מאכן נאך א טשארטער אויף דאנערשטאג מיטאג, וועט מען בעזרת השם יתברך אויך צושטעלן א פליגער אויף דאנערשטאג מיטאג. מען קען מאכן א טיקעט ביי פלען איט רייט מיט׳ן אפשען אז אויב עס וועט באשטעטיגט ווערן דער דאנערשטאג טשארטער וועט מען קענען רוקן דעם טיקעט בחנם. פאר מער פרטים רופט "פלען-איט-רייט" 845-678-3555 עקסטענשאן 5.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

***

# הדרן עלך ששה סדרי תוספתא

עס איז גרויס די פרייד ביי אנשי שלומינו אז מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף האט מען דעם פרייטאג זוכה געווען צו ענדיגן די צוואנציגסטע מחזור פון **ששה סדרי תוספתא**, און דעם שבת קודש פרשת קרח הויבט מען אן דעם פרישן מחזור אין תוספתא.

שוין פילע צענדליגע יארן וואס ס׳איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב.

אין יאר תשנ״ח לפ״ק, אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא״ש צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע "בית", ב׳בלי י׳רושלמי ת׳וספתא.

מען זעט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז״ל (סוכה נ״ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס

<<<<<<

>>>>>>

אִידִישֶׁע וֶועג, פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג; דָאךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֵייעֶר קִינְד אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אַלֶע זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָא מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דִי אִידִישֶׁע וֶועג אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדַאוֶועוְנְט אוּן גֶעדַאוֶועוְנְט אוֹיף זֵיי, בִּיז זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ״א)


# אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite

Travel the right way


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע״י כ״ק מוהרא״ש זי״ע**

## סימן טוב ומזל טוב

## יהא לנו לכל ישראל

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די געוואלדיגע חיזוק שיעורים, דרשות, און בריוו; וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר׳ן**

# ראש ישיבה שליט״א

**צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער למזל טוב עב״ג**

**הבה״ח נתנאל הי״ו בן**

**מוה״ר יואל פארקאש שליט״א**

**גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט״א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי׳ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא״ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

# סימן טוב ומזל טוב

מו״ה מרדכי אהרן הײלפרין הי״ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב


# דארפסט עפעס פארדינען

א מענטש וועט נישט גיין ארבעטן אויף א פלאץ, נאר אויב ער פארדינט עפעס דארט; אויך ברוחניות טאר מען זיך נישט לאזן נארן

## קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 1, 7, 2, 38



# חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**